ספר

# אמירה לבת יעקב

## דברים אחדים לאבות ואמהות על חינוך הבנות

### א ווארט צו אידישע עלטערן איבער טעכטער ערציאונג

דער צוועק פון דעם ספר איז אויפצוקלערן אונזערע ברידער און שוועסטער וואס זענען טריי צו די געזעצן פון דער תורה הקדושה, און זיי איבערצוצייגן אז די ערציאונג פון די טעכטער אין דעם עכטן אידישן גייסט איז פון דער העכסטער וויכטיגקייט פאר דעם קיום און ווייטערפלאנצונג פון אידישן פאלק.

•

צוזאמענגעשטעלט און ארויסגעגעבן

פון


הק׳ בנימן בערגער אויס בעלעד יצ״ו

(הנקרא ר׳ בנימין בעלעדער)



דרוקק דער ברידער קאטצבורג, בודאפעסט,

קאזינציגאססע נר׳ 35.

תרפ״ד



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה

אמירה לבת יעקב ברגר, בנימין עמוד מס: 1 הודפס ע"י אוצר החכמה

# מודעה

אומעטום וואו עס שטייט אין דעם ספר „שטודירן" אדער „בילדונג", ווערט דערמיט געמיינט אזעלכע שולן און קלאסן וואס די פאלקסשול אדער דאס געזעץ פון לאנד שרייבט נישט פאר, ווארים די געזעצן פון לאנד מוז יעדער ערליכער איד שטרענג און געוויסנהאפט אויספאלגן.

* * *

איבערדרוקן אדער איבערזעצן איז נישט נאר נישט פארבאטן, נאר אדרבה עס איז געוואונשן, אבער פארשטייט זיך אז נאר מיט דעם פולן טעקסט און מיט אנגעבן דעם מקור דערפון.

* * *

איבערגעדרוקט דורך די תלמידים פון מחבר זי"ע תש"ל, ברוקלין יע"א.

דאס ספר איז צו באקומען ביי:
Hisachdis Talmidei Beled
157 Hooper Street, Brooklyn, N. Y. 11211
U. S. A.

* * *

דער מחבר זצ"ל האט דאס ספר געדרוקט בחייו. פאלגענדער טעקסט איז געווען געדרוקט אין אנהויב ספר:
„דיזעס ספר איזט ביי בערגער בענא אין בעלעד (קאמיטאט שאפראן) אונענטגעלטליך ערהעלטליך".

---

PRINTED IN U.S.A. BY
DEUTSCH PRINTING & PUBLISHING CO.
150 MARCY AVENUE, BROOKLYN 11, N. Y.

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
אמירה לבת יעקב ברגר, בנימין עמוד מס: 2 הודפס ע"י אוצר החכמה

# הסכמות

ב"ה

**הנה** יד שלוחה אלי מכבוד ידידי הרבני המופלג בתורה וביראה צדיק בדרכיו וחסיד במעשיו מפורסם בצדקתו ובמדותיו נודע לשם ולתהלה בקרב עם סגולה כש"ת מו"ה **בנימין בערגער** נ"י מק"ק בעלעד יצ"ו ספר תוכחת מוסר בלשון אשכנזי ללועזים בלעז אשר כוננו מעשי ידיו נגד רוח המתחדשים אשר נטו קו מדרכי אבותינו הקדושים בהדרכת בניהם ובנותיהם והוא הגבר אשר ראה עני עמו בדור תהפוכות אשר ירדה עשר מעלות אחורנית, בלימוד חכמות זרות בנותיהם כאלו התירו פרושים הדבר, והוא באמת מקור משחת לכל עון ולכל חטאת ישראל וכל העם בשגגה ביודעים ובלא יודעים עד היכן הדברים מגיעים והקולר תלוי באבותיהם אשר לימדום והדריכום לחבק חיק נכרי' וספרי חשק ועבירה גוררת עבירה ותאכל עד אבדון, ע"כ הטיב אשר פעל ועשה טוב בעמיו להזהיר המוזהרים להראות להם טעותם ולבל יקל בעיניהם הדרכת בנותיהם למען לא יטו מדרכי הצניעות והיהדות בעקבי אבותיהם ואמותינו הקדושים ואין ספק כי דבריו אשר יצאו מלב טהור יכנסו בלבות הטובים והישרים בלבותם, וחפץ ה' בידו יצליח להרבות כבוד המקום וכבוד התורה ויתרבה כבוד שמים על ידו עדי נזכה להבטחת הנביא ומלאה הארץ דעה את ה' וכו' פה בע"ה באם הדרך פה ק"ק ראאב יע"א יום ב' חוקת התורה תרפ"ד.

**אליעזר דוד** בלאאמו"ר עמרם גר"ו זצללה"ה
אב"ד דק' סאטמאר יע"א.

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
אמירה לבת יעקב ברגר, בנימין עמוד מס: 3 הודפס ע"י אוצר החכמה

# הסכמות

יוסף גריןוואלד
רב דקהל „קהלת יעקב" מפאפא
660 בדפארד עוו.
ברוקלין, נ. י.

בס"ד

לכבוד ידידי הנכבד תלמיד ותיק וחסיד וכו', על דבר אשר שאל עצתי אם לחזור ולהדפיס הקונטרס **אמירה לבת יעקב** אשר חיבר בלשון עברי טייטש, הרב החסיד ועניו שהי' לוחם מלחמת מצוה לשם שמים והי' מפורסם באונגארן בצדקתו ותמימותו מוה"ר **בנימין בערגער** זצ"ל מק"ק בעלעד, שבקונטרס זה בו מסביר החיוב להרחיק בנות ישראל הכשרות מללמוד לימודי חכמת חיצוניות (שקורין שטודירן) דהיינו לימודים הגבוהים שאינם נחוצים למשא ומתן. הנה לא ידעתי מקום הספק בזה הלא מאז הסכים על הקונטרס כ"ק אדמו"ר הגה"צ בעל **קרן לדוד** זצ"ל ודובר בשבחו כאשר נדפס בראש הקונטרס ופשיטא שטוב ונכון וישר הדבר לחזור ולהדפיסו כי מאז ועד עתה לא אכשיר דרא בענין זה ואדרבה הדור פרוץ במילואו הן בנוגע לצניעות במלבושי הנשים והבנות הן בנוגע להרחקת מחברותא שאינה הגונה שיש להם דיעות נפסדות, ובודאי הזמן גרמא שנכון להפיץ ספרים כאלו, ובקונטרס הנ"ל מסביר טעות של המון עם שסוברים מאחר שהבנות פטורות מתלמוד תורה אין למנעם מללמוד בבתי הספר הגבוהות (שקורין פה קאלעדש) ואינם יודעים כי עי"ז נזרע בלבם דיעות נפסדות הן מצד החברותא כמאמר חז"ל הרבה חברותא עושה הן מצד הספרים החיצונים אשר כל מגמתם לעקור מדת הצניעות והבושה מבנות ישראל עד שמלגלגים על האבות ואומרים עליהם שהם מדור הישן שאין מבינים את רוח הזמן עניני הדור הזה ועל זה צווח רבינו החתם סופר בצוואתו הקדושה אל תאמרו נשתנו העתים כי יש לנו אב זקן ואף שב"ה בפרט א' הוטב המצב פה כעת במה שנתיסדו ע"י הקהלות החרדים בתי ספר

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
אמירה לבת יעקב ברגר, בנימין עמוד מס: 4 הודפס ע"י אוצר החכמה

# הסכמות

לבנות שבו מלמדים אותן עניני יהדות ודינים הנחוצים ומחנכין אותן לילך בדרך הישר ברוח ישראל סבא מה שלא עלה בידינו בדור הקדום ליסד בתי ספר ובתי חינוך כאלה, ואשרי חלקם של המנהלים וראשי הקהלות המקיימים בתי ספר הללו כי הם בכלל מזכי הרבים וזכות הרבים תלוי בהם כי כמו שאחז״ל בענין לימוד הבנים אם אין גדיים אין תיישים כמו כן נוכל לומר בבנות, דאם אין מתגדלים בנעוריהן בחינוך של יראת שמים מאין יגיע להן זאת כאשר יתגדלו, מ״מ אף אלה שנתגדלו ונתחנכו חינוך הגון צריכין אזהרה שלא ידמו ששוב יוכלו ללמוד גם בקאלעדש ולא יזיק להן דהוא טעות, גם צריכין אזהרה כפולה ומכופלת שלא להניחם לילך ללייברערי לשאול משם ביכער כנהוג בעוה״ר שבכל עיר יש בית שנמצאים שם כל מיני ספרים חיצונים „ביכער" הטמאים ומטמאים כל ההוגים בהם וכל מי שרוצה מקבל מהם בשאלה להובילם לביתו, ולאט לאט נעקר מלב הקוראים בהם מעט היראת שמים שרכשו להם בנערותן בבתי ספר הכשרות, ורבים חללים הפילה טומאה זו טומאת הביכער כי הרבה בתים כשרים נתהפכו לרעה עי״ז וכאשר האבות הרגישו הרעה כבר איחרו כי אין בידם עוד למחות ע״כ כל המרבה להפיץ ספרים כשרים בלשון עבריטייטש הרי זה משובח כי כל ספר כזה יוכל לדחות מהבית ביכעל טמא, כידוע המאמר מעט מן האור דוחה הרבה מהחושך כולי האי ואולי נוכל להציל עי״ז מה שיכולין עוד להציל. וכאשר בגאולת מצרים אמרו חז״ל בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותינו, כן נזכה גם עתה להוושע תשועת עולמים בב״א הלא כה דברי המצפה לישועה בתוך כל המיחלים לחסדו.

כ״ב למב״י תשכ״ט

הק׳ יוסף גרינוואלד

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
אמירה לבת יעקב ברגר, בנימין עמוד מס: 5 הודפס ע״י אוצר החכמה

# אַ וואָרט פון די איבערזעצער און אַרויסגעבער

דאָס ספר „אמירה לבת יעקב" וואָס איז געווען מפורסם אין די יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה, האָט מחבר געווען הצדיק המפורסם לוחם מלחמת ה' ומקים עולה של תורה, דער אמת'דיגער קעמפער פאַר אידישקייט מה"ר בנימין בערגער הי"ד זצ"ל. דער מחבר איז געבוירן געוואָרן אין שנת תרכ"ה בערך, צו זיין פאָטער ר' שמואל אפרים בערגער ז"ל, וועלכער איז געווען איינער פון די הויפט קעמפער ביי דער היסטאָרישער טיילונג אין אונגאַרן, וואָס די צדיקים האָבן באַוואונדערט זיינע הויכע מדריגות און געהויבענע השגות אין עבודת השם, און וואָס זיין געבן צדקה האָט נישט געוואוסט פון קיין גרענעצן.

ווען ער איז נאָך געווען גאָר יונג האָט ער געלערנט תורה ביים גאון וצדיק רבי מנחם כ"ץ פּראָסניץ זצ"ל, דער צעהלימער רב, וועלכער איז געווען אַ תלמיד מובהק פון רבינו החתם סופר זי"ע. דערנאָך האָט ער געלערנט עטליכע זמנים ביים גאון וצדיק בעל ערוגת הבשם זי"ע. שפּעטער איז ער נתקרב געוואָרן צום באַבאָווער רבי'ן הגאון הצדיק רבי שלמה האַלבערשטאַם זי"ע, נאָך ווען ער איז געווען רב אין ווישניצע. ער איז דאָרט געזעסן אין בית המדרש און געלערנט תורה מיט חסידות ביז צו דער חתונה. פון דעמאָלט אָן איז ער געווען פון די באַרימטסטע חסידים.

רבי בנימין בערגער איז אויך געווען אַ טרייער אָנהענגער פון הגאון הצדיק רבי שמואל ראָזנבערג זצ"ל, אונסדאָרפער רב, אַ תלמיד מובהק פון כתב סופר זצ"ל.

בלויז אַ קורצע צייט נאָך זיין חתונה איז ער שוין געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע בעלי בתים אין אונגאַרן. ער איז געווען באַוואוסט פאַר אַן אומערמידליכן פייערדיגן קעמפער פאַר אידישקייט, אָן קיין שום פשרות. ער איז אויך געוואָרן אויסגעוועהלט אַלס מיטגליד פון דעם צענטראַלן ראַט פון דער אָרטאָדאָקסישער קאָנצעליי אין בודאַפּעסט (צעהנער ראַט). ער איז געווען פאַרמעגליך און אַ גרויסער בעל צדקה.

נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, אין דעם יאָר תרע"ט, ווען עס איז ליידער צוליב די מלחמה שטאַרק איינגעבראָכן געוואָרן די

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
אמירה לבת יעקב ברגר, בנימין עמוד מס: 6 הודפס ע"י אוצר החכמה

# פאָרוואָרט

אידישע מויערן פון חינוך, ביי אינגלעך און מיידלעך, האט ער גע־אפפערט זיין גאנצע צייט און אלע כוחות צו פארריכטן די איינבראכן. ער האט געעפנט א ישיבה פאר יונגע בחורים אין בעלעד, און אין דער ישיבה האבן געלערנט שטענדיג ארום הונדערט בחורים, מיט וועלכע ער האט זיך אפגעגעבן בלב ונפש. ער האט פארנאכלעסיגט זיין פרנסה און זיינע געשעפטן און האט זיך איבערגעגעבן פולשטענדיג נאר צו לערנען תורה מיט די תלמידים, וואס אין גרעסטן טייל האט ער זיי אפילו באזארגט די מאטעריעלע באדערפענישן, ווי קאסט און קווארטיר וכדומה.

אין יענע יארן האט ער ארויסגעגעבן דעם דאזיגן קונטרס, קעגן די פירצות אין חינוך פון מיידלעך, און קעגן דער פלאג פון די מאדעס, ווי אויך קעגן שיקן די מיידלעך אין פארשידענע שולעס. אויך האט ער זייער שטארק געקעמפט קעגן לייענען ביכער, און ער האט מעורר געווען נישט צו ענדערן דעם שם לשון ומלבוש — די אידישע נעמען, אידישע שפראך און אידישע צניעות'דיגע קליי־דונג.

דער דאזיגער קונטרס האט שטארק אויסגענומען אין דער אידישער וועלט. דערמיט האט ער א סך אויפגעטאן צו צוימען די פירצות און אנטקעגנשטעלן זיך קעגן דעם שטראם פון דער צייט. דער קונטרס איז שטארק געלויבט און געשעצט געווארן פון אלע צדיקים און ערליכע אידן פון זיין צייט און אויך שפעטער. דער מחבר ז"ע האט געהאט אן אויסערגעווענליכן כח מסביר צו זיין אן ענין, אריינדרינגען דערמיט טיף אין הארץ און איבערלאזן די ריכטיגע השפעה. ווי באוואוסט איז הגאון הצדיק אבד"ק שאפראן זצ"ל געווען פארבינדן אין א נאענטער פריינטשאפט מיט'ן מחבר ז"ל, זיי זענען געווען פערזענליכע ידידים, האט ער אויך געוואלט אז מען זאל דעם קונטרס דא איבערדרוקן. ער האט אויך פארשפראכן צו שרייבן א הסכמה און א שטיקל הקדמה פאר דער גרויסער וויכ־טיגקייט פון אזא ספר אין אונזער היינטיגער צייט, וואס אין פיל אידישע הייזער זענען ליידער איינגעריסן די דאזיגע פירצות. נאר צו אונזער גרויסן באדויערן איז נישט געקומען דערצו.

דעריבער דרוקן מיר דא איבער דעם קונטרס מיט א קליינער ענדערונג פון דער אידיש־דייטשער שפראך צום אידיש וואס ווערט

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
אמירה לבת יעקב ברגר, בנימין עמוד מס: 7 הודפס ע"י אוצר החכמה

# פאָרוואָרט

היינט געדרוקט אין אלגעמיין, כדי יעדער זאָל עס קענען גרינג פארשטיין, און פארטיילן עס צווישן אידן, אזוי ווי עס איז געווען דער רצון פון מחבר אליין.

אויף דער עלטער האָט ער זיך אריבערגעצויגן קיין נייפעסט און ער האָט דאָרט פאָרגעזעצט זיין פרוכטבארע ארבעט פון לערנען תורה מיט יונגע תלמידים, ביז עס איז געקומען דער ביטערער חורבן, און מען האָט אים צוזאמען מיט זיין גאנצע משפחה, קינדער און אייניקלעך, צווישן די אנדערע 18,000 אידישע איינוואוינער פון זיין שטאָט נייפעסט, אוועקגעפירט אין טויטן-לאגער אושוויץ, און דאָרט איז ער אומגעקומען על קידוש השם בקדושה ובטהרה דעם טאָג י״ח תמוז תש״ד, דורך מקבל זיין דעם עול מלכות שמים מיט מסירת נפש און מיט שמחה. זי״ע ויהא זכרו ברוך.

זאת חנוכה תש״ל, ברוקלין יע״א.

**התאחדות תלמידי המחבר זי״ע**

# פאָרוואָרט

אזוי ווי די ערציאונג פון טעכטער ווערט אפילו אין די בעסטע אידישע קרייזן זייער אויבערפלעכליך באהאנדלט, נאָך דערצו אין צוויי קעגנגעזעצטע ריכטונגען, דהיינו טייל מענטשן קוקן זיך גארנישט אים אויף זייערע טעכטער, מיינענדיג אז ווייל זיי דארפן דאָך נישט צו לערנען קיין תורה, און אנדערע וויסנשאפטן דארפן זיי דאָך אויך נישט לערנען, ווידער קאָכן וועלן זיי אזוי אויך קענען, ממילא לאָזן זיי די טעכטער מיט א גרינג הארץ פירן זיך ווי זיי אליין ווילן.

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
אמירה לבת יעקב ברגר, בנימין עמוד מס: 8 הודפס ע״י אוצר החכמה

# פארווארט

אנדערע ווידער ווילן נישט אז זייערע טעכטער זאלן זיין צוריק־געשטאנען פון די זין, וועלכע געניסן פון די אויפמערקזאמסטע ער־ציאונג, און מען אפפערט אויף זיי פיל געלט צו לאזן לערנען אין די בעסטע ישיבות. פארוואס זאל די טאכטער זיין וויניגער? אבער אזוי ווי זי לערנט נישט קיין תורה, לאזט מען זי שטודירן אין דער בירגער שול, האנדל שול, און אין געוויסע פאלן אפילו אין קאלעדזש אויף וואס די רעגירונג פארפליכטעט נישט. ביידע וועגן זענען נישט ריכטיג און דינען נישט דעם ריכטיגן צוועק, ווייל ביידע פאסן נישט אויף ריכטיג די וויכטיגקייט און קאנסעקווענצן און די אויפגאבן פון דער מיידל ערציאונג אין אידישן לעבן. אדער בעסער געזאגט, אין דער ווייטער־פלאנצונג און קיום פון אידישן פאלק. דעריבער וויל איך בעזהשי״ת אויפקלערן מיינע טייערע ברידער און שוועסטער, ווי ווייט איך וועל קענען, צו רעדן צו אייערע הערצער און בעטן אז איר זאלט נעמען די דאזיגע פראגע זייער ערנסט און מיט דער גרעסטער מאס אחריות באהאנדלען, ווייל דאס איז אין פיל הינזיכטן אפילו וויכטיגער ווי די ערציאונג פון די זין. און נאר אזוי קענען מיר זוכה זיין און מיר וועלן זוכה זיין לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, צו זען קינדער און קינדס קינדער זענען עוסק אין תורה און אין מצוות.

קראתי שם הספר „אמירה לבת יעקב", שהוא בגמטריא שם אבי מורי הצדיק שמואל אפרים זצ״ל ושמי בנימין. ויהי רצון מלפני אבינו שבשמים שיעשו דברי רושם לטובת ונזכה להרחיב גבול הקדושה ולביאת גואל צדק בב״י אמן.

(איך האב א נאמען געגעבן פאר דעם קונטרס „אמירה לבת יעקב" ווייל עס באטרעפט אזויפיל וויפיל דער נאמען פון מיין פאטער הצדיק שמואל אפרים זצ״ל און מיין נאמען בנימין. זאל השם יתברך העלפן אז מיינע ווערטער זאלן האבן די ריכטיגע ווירקונג צום גוטן און מיר זאלן קענען אויסברייטערן די גרענעצן פון קדושה און זוכה זיין צו ביאת גואל צדק, במהרה בימינו אמן).

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס שירות מן התכנה
אמירה לבת יעקב ברגר, בנימין עמוד מס: 9 הודפס ע"י אוצר החכמה

פאַטאָסטאַט פון אַן עמוד פון ספר פון דער ערשטער דרוק תרפ"ד, די אָריגינעלע שפּראַך פון מחבר זצ"ל, אידיש-דייטש, ווי עס האָט גערעדט און געשריבן דער חתם סופר זי"ע, זיינע תלמידים און תלמידי תלמידיו.

# פאָרוואָרט.

נאכדעם דיא טאָכטער-ערציעהונג אויך אין דען בעסטען יידישען קרייזען זעהר אָבערפלאָכליך געהאנדהאבט ווירד, אונד צוואר אין צווייא ענטגעגענגעזעטצטען ריכטונגען: מאנכע זעהען זיך גאר ניכט אום אויף איהרע טאָכטער, אינדעם זיא מיינען, דאסס זיא קיינע תורה צו לערנען ברויכען. אנדערע ווייססענשאפטען דירפען זיא ניכט לערנען, קאָכען ווערדען זיא זאָ אויך קאָננען, דארום איבערלאססען זיא זיא לייכטען הערצענס זיך זעלבסט. אנדערע ווידער וואָללען איהרע טאָכטער ניכט צוריקקזעטצען געגען איהרע זאָהנע, וועלכע דיא זאָרגפאָלטיגסטע ערציעהונג געניעססען, מיט דען גראָססטען געלד-אָפפערן אין דען בעסטען ישיבות לערנען, ווארום זאלל דיא טאָכטער ווייניגער זיין? נאכדעם זיא אבער קיינע תורה לערנען קאָננען, לאָססט מאן זיא דיא בירגערשולע, האנדעלסשולע, אין מאנכען פאללען אויך דיא האָכשולע אבסאָלווירען. ביידע וועגע זינד אונריכטיג אונד פערפעהלען דען ריכטיגען צוועקק, וויל עבען ביידע דיא וויכטיגקייט אונד דיא טראגוויטע דער מאָדכען-ערציעהונג אים יידישען לעבען ניכט ריכטיג אויפפאססען, בעססער געזאגט, אין דער פאָרטפפלאנצונג אונד ווייטערבעשטאנד דער יידישען נאציאָן. דאהער וויל איך בעזהית מיינען טהייערען ברידערן אונד שוועסטערן, וויא וויט איך עס קאנן, אנס הערץ לעגען, אונד אויפקלארען אונד ביטטען, דאסס זיא דיעזע פראגע זעהר ערנסט אונד מיט דער גראָססטען זאָרגפאלט בעהאנדעלן מאָגען, דען זיא איזט אין פיעלען בעציעהונגען וויכטיגער, אלס דיא ערציעהונג דער זאָהנע, אונד נור זאָ קאָננען אונד ווערדען וויר זוכה זיין לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות אמן.

קראתי שם הספר „אמירה לבת יעקב", שהוא בגמטרי' שם אבי מורי הצדיק שמואל אפרים זצ"ל ושמי בנימין ויהי רצון מלפני אבינו שבשמים שיעשו דברי רושם לטובה ונזכה להרחיב גבול הקדושה ולביאת גואל צדק בב"י אמן.

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
אמירה לבת יעקב ברגר, בנימין עמוד מס: 10 הודפס ע"י אוצר החכמה

# אמירה לבת יעקב

## פרק א

אויף דער פראגע צי מען זאל לאזן שטודירן די טעכטער, הערט מען פארשידענע מיינונגען — פאר און קעגן. א סך מיינען, אז ווען דאס קינד פארענדיגט די עלעמענטאר שולע, איבערהויפט אין די פלעצער וואו עס איז נישטא נאר 4 עלעמענטאר קלאסן, האט דאס מיידל נישט קיין באשעפטיגונג, און „הבטלה מביאה לידי שיעמום" — דאס ארומגיין ליידיג ברענגט צו לאנגווייליגקייט און מוטלאזיגקייט. אנדערע זאגן, איך דארף מיין טאכטער אין געשעפט, ווייל איך וויל נישט אוועקנעמען מיינע זין פון לערנען תורה מוז איך לאזן מיין טאכטער שטודירן כדי זי זאל זיין פעהיג דערצו. אויך זענען פארהאנען א סך וועלכע לאזן אויסבילדן זייער טאכטער זי זאל קענען זיין א לערערין אדער א בוכהאלטערין, דערמיט זי זאל קענען אליין פארדינען איר ברויט. אבער צום מערסטנס נעמט זיך עס דערפון וואס די קינדער ווילן נישט אפשטיין פון זייערע חבר'טעס, און אויך די איינרעדענישן פון די עלטערן, וועלכע ווילן אז זייער טאכטער זאל פולשטענדיג און אבסאלוט אנטשפרעכן אלע פאדערונגען פון דער געזעלשאפט. זי זאל זיין פרום, קלוג, א בעל הבית'טע און דערצו אויך „געבילדעט". דאקעגן אבער זענען דא פיל יראים, ערליכע אידן, וועלכע זאגן אז קיין ערליכער איד טאר אין קיין שום פאל נישט לאזן שטודירן זיין טאכטער — עס איז נישט קיין אונטערשיד צי דאס איז בירגער שולע, גימנאזיום, קאלעדזש אדער האנדלס שולע.

איידער מיר ענטפערן אויף דער שאלה, מוזן מיר מיט דער שארפסטער באטאנונג אונטערשטרייכן, אז די ערציאונג פון אונזערע אידישע טעכטער טאר אונז בשום אופן נישט זיין גלייכגילטיג. אין גאנצן גענומען: דאס איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט צו דערהאלטן און ווייטער צו פלאנצן דאס הייליגע אידישע פאלק. מיר מוזן זיין דעריבער קלאר וויאזוי מיר זאלן ערציען אונזערע טעכטער. ווארים

כאַטש זיי דאַרפן נישט לערנען קיין תורה, און זיי דאַרפן אפילו נישט האַלטן אַ טייל מצוות, פונדעסטוועגן איז דאָס אידישע הויז נאָר דעמאָלס זיכערגעשטעלט, און די קומענדיגע דורות קענען נאָר אַזוי דערהאַלטן ווערן ביי אידישקייט, ווען אויך די פרוי און די מוטער וויל אַזוי.

דאָס האָבן מיר שוין געזען ווען השם יתברך האָט אונז גע־געבן די הייליגע תורה אויף דעם באַרג סיני, האָט ער געזאָגט צו משה רבינו „כה תאמר לבית יעקב" — פרעג צוערשט די פרויען, און ערשט דערנאָך „ותגיד לבני ישראל" — זאָלסטו זאָגן פאַר די מענער, זאָגט דערויף דער מדרש, פאַרוואָס האָבן די פרויען געהאַט דעם פאָרצוג אַז השם יתברך האָט פאַרלאַנגט קודם זייער צושטימונג? איז דער תנא מסביר: ווייל אפילו די מענער ווען מקבל זיין און אננעמען די תורה, אָבער דאָס פאָלגן און האַלטן די תורה הקדושה ליגט דאָך אין די הענט פון די פרויען. דער מדרש ברענגט דאָרט פאַרשידענע ראיות דערצו. צווישן די פאַרשידענע ראיות דערציילט אונז דאָרט דער תנא דאָס פאָלגענדע:

עס איז אַמאָל געווען זייער אַ פרום פּאָרפאָלק, אַ מאַן און אַ פרוי, וועלכע האָבן נעבעך נישט געהאַט קיין קינדער רח"ל. דעריבער האָבן זיי זיך געוואָלט גט'ן מיט דער צושטימונג פון ביידע. נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך גע'גט, איז דעם מאַן געווען באַשערט חתונה צו האָבן מיט אַ פרוי וועלכע איז נישט געווען פרום, און זיין געוועזענע פרוי האָט חתונה געהאַט צו אַ פושע ישראל. מיט נישט קיין לאַנגער צייט שפּעטער, איז דער מאַן דער געוועזענער ערליכער איד און חסיד געוואָרן אַ פושע; און זיין געוועזענע פרוי האָט פון איר יעצטיגן מאַן געמאַכט אַ חסיד. רופט אויס דער תנא: „ראה כמה גדול כחה של אשה" — זע ווי גרויס עס איז דער כח און השפעה פון דער פרוי!

פון דעם קען מען זען ווי פאַלש און שעדליך עס איז די אויפפאַסונג וואָס מען הערט אפילו פון בני תורה: מיינע זין לאָז איך לערנען תורה, אָבער אויף מיינע טעכטער קוק איך מיך נישט אים קיין סך"!... דאָס איז אַ גרויסע לייכטזיניגקייט, און קיין שום איבערטרייבונג, ווייל דאָס קען זיך שפּעטער שלעכט אָפּרופן. אָן ערנסט דענקענדער מענטש טאָר נישט אַזוי רעדן. יעדער קען זיך

איבערצייגן אין זיין טאג טעגליכן לעבן, אז די קינדער ערציאונג, — פונקט אזוי ווי די גאנצע הויז ווירטשאפט — ליגט נאר אויף דער פרוי. נו ווי קען א איד וועלכער פאסט אויף ריכטיג זיין לעבנס אויפגאבע, נעמען גלייכגילטיג די ערציאונג פון זיינע טעכטער? אדרבה, די עלטערן מוזן זיך מיט זיי מער באפאסן ווי מיט די אינגלעך, ווייל די אינגלעך לערנען תורה און ער האט געווענליך א רבי'ן וועמען ער נעמט זיך אלס א בילד פאר א מוסטער, און וועלכער ווייזט אים דעם ריכטיגן וועג. אבער די טאכטער לערנט דאך נישט קיין תורה און זי האט נישט קיין רבי'ן, פון וועמען זאל זי לערנען?

און אויב מען מיינט אז מיידלעך דארף מען נישט לערנען, עס קומט פון זיך אליין, דאס איז ווידער אבסאלוט פאלש. ווייל אז די עלטערן טוען זי נישט אונטערריכטן, לערנט זי פון אירע חבר'טעס, מיט וועלכע זי פארקערט צום מערסטנס, און עווענטועל פון די ביכער וואס זי לייענט.

שטעלט זיך די פראגע: וואס מוזן ערליכע אידישע עלטערן לערנען מיט די טעכטער? אוודאי איז נישט גענוג צו לערנען זיי די הויז ארבעטן, ווי למשל קאכן, באקן, נייען און דאס גלייכן, אויך איז נישט גענוג ווען מען לערנט זי אויסזאלצן, און שפעטער ווען זי איז שוין עלטער, הלכות נשים, און אויך צו דאווענען יעדן טאג. דאס אלעם איז נישט גענוג. דאס הויפט געוויכט מוז געלייגט ווערן אויף דעם אז מען זאל אין זיי אריינברענגען אידישע השקפות, ריינע ערליכע אמונה און פעסטע אידישע איבערצייגונגען. ווייל אזוי ווי זי און נאר זי איז בארופן און פעהיג דערצו צו דערהאלטן אידישקייט, ווארים אן ערליכע פרומע אידישע פרויען קענען נישט זיין קיין ערליכע גוטע קינדער (די אויסנאמען באשטעטיגן נאר דעם כלל), מוז מען זיי מיט שטרענגער און פארזיכטיגער ערציאונג אריינפלאנצן די כוחות, אז זיי זאלן קענעןביישטיין די נסיונות פריפונגען וואס דאס גלות ברענגט מיט זיך, און באקעמפן די השפעות פון דער אויסערליכער וועלט, די מאדעס, דאס וועלן נאכמאכן די גוים און דאס גרויסהאלטעריי — אט די אלע שלעכטע זאכן זאל זי קענען באקעמפן, און זיין שטאנדהאפטיג אפילו ביי יעדן קלענסטן מנהג וואס אנבעלאנגט דאס אידישע פאמיליען לעבן. און דאס

הודפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
אמירה לבת יעקב ברגר, בנימין עמוד מס: 13 הודפס ע"י אוצר החכמה

קען דערגרייכט ווערן נאָר דורך אידישע אויפפאַסונגען און ערליכע אידישע השקפות.

אויך מוזן אויפריכטיגע עלטערן שטענדיג וויסן, וועלכע ביכער און צייטונגען זייער טאָכטער לייענט (ווען עס זענען בכלל פאַרהאַנען אומשעדליכע ביכער און צייטונגען). זיי מוזן אויך קענען יעדע חבר'טע מיט וועמען זי פאַרקערט. שבת און יום טוב ווען זי מאַכט באַזוכן, מוזן די עלטערן אַלעמאָל וויסן וואו זי איז. ערליכע פאַרזיכטיגע עלטערן האָבן נאָר אַזוי ערפילט זייער פליכט און אויפגאַבע, אַז זיי וויסן אַלעמאָל, יעדע רגע פון מעת לעת, וואו זייער קינד געפינט זיך, מיט וואָס און מיט וועמען זי פאַרברענגט. נאָר אַזוי זענען זיי ווערט אָנגערופן צו ווערן געטרייע עלטערן.

## פרק ב

### וואָס זענען אידישע איבערצייגונגען און השקפות?

צום אַלעם ערשטן מוז אַ אידישע טאָכטער וויסן, אַז זי שטאַמט פון אונזערע הייליגע אמהות שרה, רבקה, רחל ולאה, און מוז זיך באַשטרעבן נאָכצוגיין אין זייער וועג, און זיין שטאָלץ מיט איר אידישן אָפּשטאַם. זי טאָר נישט נאָכמאַכן פרעמדע און נישט-אידישע מנהגים, און טאָר נישט נאָכגיין נאָך דער מאָדע ווי אַן עבודה זרה. דאָרט וואו די מאָדע קומט אין ווידערשפרוך מיט אונזער הייליגער אידישער אמונה, זאָל זי פאַרמאָגן דעם קראַפט און די כוחות צו קענען שטעלן אַ ווידערשטאַנד, אפילו ווען זי איז אויסגעשטעלט צו דעם אַז מען וועט זי אויסלאַכן, ווייל די מאָדע מיט דער גאַנצער וועלט, וואָס מען גייט אַזוי בלינד נאָך נאָך זיי, האָט אונז נישט באַשאַפן און קען אונז גאָרנישט געבן, און אודאי קען עס אונז נישט אויסהיטן פון שונאי ישראל, פון קראַנקהייטן און פון אַלע אַנדערע אומגליקן. דאָס אַלעם קען נאָר דער איינציגער באַשעפער אַליין, וועלכער האָט אונז באַשאַפן און פאַר וועמען מיר האָבן אַלעם צו פאַרדאַנקען, אים מוזן מיר געהאָרכזאַם פאָלגן, און ער פאַרלאַנגט פון אַ אידישער טאָכטער אין דער ערשטער ריי צניעות,

הודפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה

זי זאל זיך פירן צוריקגעצויגן, איידל און באשיידן. קמחית האט זוכה געווען צו זען אירע זיבן זין אלס כהנים גדולים נאר צוליב איר צניעות, ווי די גמרא דערציילט אונז (יומא מז.).

דאס דאזיגע מאראלישע געפיל זאל זי זיך אזוי שטארק איינהאנדלען, אז זי זאל זיך אליין שעמען אלס אידישע טאכטער צו גיין אין אויסגעשניטענע און אין קורצע קליידער. נישט אז מען זאל עס איר ערשט דארפן פארביטן. און ווען זי וועט חתונה האבן זאל זי פון זיך אליין באטראכטן אלס נישט אידיש, נישט איידל צו שטעלן די בעטן איינס נאנט צום צווייטן, ווען אפילו די אזויגערופענע עבודה זרה „מאדע" שרייבט אזוי פאר.

דאס פארקערטע פון אידישער ערציאונג און אידישע השקפה לערנט זי ווען מען ערלויבט איר צו גיין אין טעאטער, אדער אין א מואווי (וואו עס ווערט געוויזן די זעלבע געמיינע זאכן, נאר אין בילדער). אין אט די ביידע בתי עבודה זרה ווערן דערוועקט די געמיינסטע און נידעריגסטע ליידנשאפטן. איך האב אליין געהערט ווי איין אנשטענדיגע נישט-אידישע פרוי האט געזאגט צו מיין פרוי: „פארוואס זאל איך גיין מיט מיין טאכטער אין טעאטער, אז זי זאל זען ווי מענטשן פירן זיך אן מאראל, ערגער ווי די חיות"? עס איז ליידער געווען טרויעריג אז מיר דארפן לערנען פון פרעמדע צניעות און מאראל.

עס איז איבערהויפט נישט צו פארשטיין, און עס איז קעגן דעם מענטשליכן פארשטאנד, וויאזוי ערליכע אידישע עלטערן קענען ערלויבן פאר זייערע טעכטער צו גיין אין אזעלכע פלעצער, וואו זיי קענען אלעם לערנען, נאר נישט קיין צניעות. ווייל אומווילנדיג באקומט דאס מיידל דערנאך דעם חשק צו קליידן זיך אזוי מאדערן און באנעמען זיך הויכשטאפלעריש, ווי די בארימטע פערזאנען פון דער טעאטער וועלט, וועלכע ווערן אפלאדירט פון טויזנטער מענטשן און פארהערליכט פון פילע טויזנטער. ווארים זי מוז זי דאך האלטן פאר א העכערע פערזענליכקייט, ווען אלע ציימונגען רימען זי און באזינגען זי מיט לויב געזאנגען, און קענען גארנישט מיד ווערן פון באוואונדערן זייער גרויסארטיגע, אנגענעמע און אנציענדע אויפטריטן. דאס אלגעמיינע געשפרעך פון אזא מיידל איז יעדן טאג נאר וועגן איר קליידונג, פון איר שטימע און פון איר בייפאל.

הודפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
אמירה לבת יעקב ברגר, בנימין עמוד מס: 15 הודפס ע"י אוצר החכמה

8 טעג פאר דער פארשטעלונג זענען אלע איינטריטס קארטן אויס-פארקויפט. א. א. וו. די מאמע הערט זיך צו מיט פארגעניגן ווי איר מאדערנע אויפגעקלערטע טאכטער רעדט מיט איר פריינדין, די טאכטער פון פרעזידענט פון א באנק, ווי זי האט ארויסגעזאגט א גינסטיגע קריטיק אויף דעם טעאטער שטיק און די מוטער איז געווען אזוי אנטציקט און באגייסטערט ביז גאר.

ווי שעדליך און פארדארבענד זענען אזעלכע געשפרעכן, וואו עס ווערט אזוי ארויסגעהויבן דער שקר, עס ווערט דערוועקט די פערזאניפיצירטע ליידנשאפט! פאר אזעלכן זאל זיך א אידישע טאכטער אהינגעבן? אן אייניקל פון אונזערע אבות אברהם יצחק ויעקב, פון אונזערע הייליגע אמהות שרה רבקה רחל ולאה, זאל האבן פארגעניגן פון א זאך וואס איז אויסגעטראכט געווארן פון געמיינע מענטשן און ווערט אויפגעפירט נאך פון מער געמיינערע מענטשן? די אידישע נשמה עקלט זיך פון אזעלכן. נאר די נידעריגע ליידנ-שאפטן וואס געפינט זיך אין באשעפעניש פון פלייש און בלוט האבן הנאה פון אזעלכע שוישפילן. מיר אידן זענען דאך אבער באשאפן געווארן צוליב עפעס אנדערש, מיר האבן באקומען די הייליגע תורה כדי מיר זאלן קענען צוימען אונזערע ליידנשאפטן און זיי באקעמפן, נישט מיר זאלן נאך חלילה פלעגן די ליידנשאפטן און זיי נאך מער אויפרייצן.

גענוג! איך וויל די טעמע וויטער נישט באהאנדלען, ווייל דאס פנים ווערט איינעם רויט פאר בושה. איך האב נאר געוואלט שטעלן די פראגע אינעם ריכטיגן ליכט, ווייל איך האב געהערט דעם תירוץ פון איינעם א ערליכן איד, מיט וועמען איך האב דעריבער געפירט א וויכוח, האט ער גע׳טענה׳ט: ווי קען איך דאס אומשולדיגע פארגעניגן אוועקנעמען פון מיין פרוי און טאכטער, וואס דאס איז זייער איינציגע צעשטרייאונג נאך א שווערן טאג ארבעט און מאטערניש. וויל איך אים, און די אלע וואס זענען אין דער זעלבער מיינונג אויפקלערן, אז דאס איז נישט אינגאנצן אזוי „אומ-שולדיג"... אויך די וואס נעמען א ראדיא אין שטוב זאלן וויסן אז צו הערן ניבול פה ליצנות און כל דבר אסור איז אויך שעדליך און פארבאטן. א איד טאר נישט הערן, נישט זען, נישט לייענען, אפילו נישט טראכטן די אלע זאכן.

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה

## פרק ג

### וויאַזוי קענען מיר אַריינברענגען אין אונזערע טעכטער די ערליכע אידישע השקפות און מיינונגען?

פונקט אזוי ווי ביי יעדער זאך וואס דער מענטש וויל דער־גרייכן, ווי וויכטיגער און חשוב'ער די זאך איז, אלץ מער פלייסיגקייט, געדולד און אויסדויער קראפט פאדערט זיך דערצו. ווי וויכטיג עס איז דער חינוך פון מיידלעך, און ווי חשוב און וויכטיג עס איז פאר דער דערהאלטונג פון אידישן פאלק, קען מען נישט גענוג באטאנען. מיר קענען נישט האבן קיין גוטע פירער, רבנים, מלמדים, ראשי ישיבה, מחנכים, תלמידי חכמים, ווען מיר האבן נישט קיין גוטע פרומע בחורים. די הייליגע חכמים זאגן „אם אין גדיים — אין תיישים”, אויב עס איז נישטא קיין יונגע ציגן, זענען נישטא קיין ציגן־באקן. פרומע בחורים קענען מיר נאר דעמאלס האבן, ווען מיר האבן פרומע פרויען.

דעריבער דארף קיינער נישט שפארן קיין מי און אנשטרענגונג, ווען ער מיינט עס ערליך פאר השם יתברך, אפילו ווען ער איז א גרויסער סוחר, אדער א גרויסער תלמיד חכם, מוז ער זיך נעמען די צייט צו רעדן מיט זיין טאכטער און זי אויפקלערן איבער אידישקייט. נאך אלס קינד מוז מען איר ביי יעדער געלעגנהייט ערקלערן, אז די מאדע איז א נארישע ערפינדונג פון גוים, און צום מייסטנס איז עס קעגן אונזער הייליגע תורה, ווייל עס פארשפרייט פריצות און אויסגעלאסנקייט. אבער אפילו די מאדעס וועלכע זענען נישט דירעקט קעגן דער תורה, אבער זיי זענען זיכער משפיע אפצוקילן דאס אידישע ווארימע געפיל. ווייל נישט אומזיסט באשטרעבט זיך יעדעס הערשנדע פאלק צו צווינגען די גרופן און פעלקער וועלכע זענען איינוואוינער פון זייערע לענדער און שטאמען פון פרעמדע נאציאנאליטעטן, צו גיין אנגעטאן אין דעם נאציאנאלן טראכט, און צו רעדן אין דער נאציאנאלער שפראך, ווי מיר האבן אלע דאס געקענט זען נאך דער מלחמה. דאס איז נישט געווען צוליב דעם ווייל זיי האבן געזוכט צו באהערשן די נאציאנאליטעטן, נאר דערפאר ווייל זיי ווייסן אז די מענטשליכע נאטור איז אזוי, אז מיט דער

ציים ווערן די השקפות און איבערצייגונגען פונעם מענטש איבער־געטווישט צו דער שפראך וואס מען רעדט, צו דער ארט קליידונג וואס מען טראגט, דעם נאמען וואס מ׳רופט זיך. נו אויב די פעלקער טוען דאס נאר איבער זייערע אנשויאונגען, כדי צו דערהייבן זייער נאציאנאלן כבוד און שטאלץ און מער גארנישט, לא תהא תורה שלימה שלנו כשיחה בטילה שלהם, איז דען נישט פילפאכיג חשוב׳ער טייערער און וויכטיגער אונזער הייליגע תורה וואס מיר האבן פון השם יתברך אליין באקומען, מער פון זייערע נישטיגע שמועסען און אינטערעסן. נו וויפיל אנשטרענגונג, כח און מי דארפן מיר אריינ־לייגן אין דעם?

אז די אויבן דערמאנטע פעלקער טוען אלעם מעגליכעס צו דערציען זייער יוגנט אין נאציאנאלן גייסט, מיט די נאציאנאלע שפראך, נאר וועגן אביסל כבוד און רום. מיר אידן, בני א־ל חי, קינדער פון לעבעדיגן באשעפער, מיר באקומען דאך א גאר הויכן פרייז, א גוטע באלוינונג פאר ערציען אונזערע קינדער אידיש. ביי אונז האנדלט זיך נישט איבער אביסל פערזענליכן פארגעניגליכן נישטיגן כבוד, נאר איבער דער צוקונפט פון אונזערע דורות, אז זיי זאלן בלייבן טרייע אידן פאר השם יתברך, טריי אין דער אמונה הקדושה און טריי צו אונזער הייליגער תורה, מוזן מיר דאך זיכער שוין אלס קינד אויפקלערן און דערצו געוויינען מיט ווארט און מיט טאט, אז מען טאר נישט אפטרעטן פון אלעם וואס איז אידיש. מיר האבן זיך גארנישט וואס צו שעמען מיט אונזער אמונה. אדרבה, מיר קענען זיך ארויסלערנען פון אונזערע עלטערן אין מצרים, וויאזוי האבן זיי זיך געקענט דערהאלטן אין דעם שווערן אונטערדריקנדן גלות און האבן זיך נישט אסימילירט, זיי זענען נישט געווארן איינס מיט די מצריים? ווי אונזערע חכמים זאגן. דאס איז געווען נאר אין דעם זכות פון די נשים צדקניות, דער פארדינסט פון די פרומע אידישע פרויען.

מ׳זאל אבער נישט מיינען אז זייער פרומקייט איז באשטאנען אין דעם וואס זיי האבן געדאווענט, זיי האבן געזאגט תחינה, גע־האלטן מצוות; ניין! זיי האבן דאך נאך דעמאלס נישט געהאט קיין תורה. וואס דען איז געווען זייער צידקות, וואס אין זייער זכות האבן די אידן פארדינט אויסגעלייזט צו ווערן פון גלות און שקלאפעריי

און געהאט די זכיה מקבל צו זיין די תורה, וואס דורך דעם זענען אידן געווארן אויף אייביג דאס פאלק פון השם יתברך?

זייער צידקות איז געווען די קינדער ערציאונג, ווי אונזערע חכמים ז"ל זאגן „שלא שינו שמם, לשונם ומלבושם", דאס הייסט זיי האבן נישט געענדערט זייערע נעמען, זייער שפראך און זייער קליידונג. לאמיר זיך פארשטעלן אונטער וואס פאר אן אונטערדריקטן, באליידיגטן און דערנידעריגטן מצב מיר זענען געווען אין מצרים. די נאטירליכסטע זאך וואלט דאך געווען אפצושאפן אלע אויסערליכע צייכנס און סימנים מ'זאל נישט דערקענען אז מ'איז א איד, מען זאל אים נישט דערקענען דורך דער שפראך, דורך די קליידונג. וויפיל פארפאלגונגען, שאנד און שפאט וואלטן זיי זיך געווען געקענט איינשפארן דורכדעם. אבער ניין! זיי האבן אויף זיך גענומען די שווערסטע בזיונות און באליידיגונגען, און דאך נישט געוואלט ענדערן זייער טראדיציע.

אזוי דערציילן אונז אונזערע חכמים ז"ל (תנא דבי אליהו כ"ג) וכשהיו ישראל במצרים וכו' — ווען אידן זענען געווען אין מצרים האבן זיי זיך צוזאמענגענומען אין איינעם, און האבן געמאכט א בונד צווישן זיך צו טאן גמילות חסדים איינער מיט דעם אנדערן, אפצוהיטן דעם בונד פון זייערע עלטערן אברהם יצחק און יעקב, און דינען נאר צו אונזער באשעפער אונזער פאטער אין הימל. און נישט איבערלאזן די שפראך פון אונזערע עלטערן, נישט צו רעדן די שפראך פון די מצריים, און נישט לערנען זייער קולטור. האבן זיי די מצריים פארגעשלאגן אז זיי זאלן אויפגעבן זייער בונד און זאלן זיך יא פירן אזוי ווי זיי — די מצריים — פירן זיך, וועט מען זיי פארגרינגערן זייער ארבעט. די אידן האבן דערויף געגעבן א פעסטע תשובה: וואס איר זאלט נישט טאן מיט אונז, וועלן מיר נישט ענדערן אונזער באשלוס. מיר וועלן זיך נישט פירן אנדערש ווי אונזערע הייליגע עלטערן!

און דאס האבן די נשים צדקניות אויפגעטאן. ווייל די מענער זענען געווען פון אינדערפרי פארטאגס ביז שפעט אין דער נאכט פארשמאכט ביי זייערע ארבעטן. ווער האט די קינדער ערצויגן? די מוטער! ווער האט אין זיי איינגעפרעגט אז זיי טארן נישט

פארלייקענען און פארענדערן זייער אידישן אויסזען אפילו ווען מען טוט זיי דערפאר אפלאכן און אויסשפעטן? די מוטער!

יעצט קען מען זיך אליין פרעגן, האט דען די דעמאלסדיגע מוטער נישט געהאט קיין ווארים געפיל צו אירע קינדער? וויפיל שברי לב און קרענקונגען וואלט זי זיך געקענט איינשפארן, ווען זי וואלט נישט ארויסגעוויזן אזוי עפנטליך דאס אידישקייט? אבער ניין, טאקע דערפאר ווייל זי האט געהאט דאס ריכטיגע מוטערליכע געפיל, האט זי בעסער געזארגט פאר דער נשמה פון אירע קינדער, איידער פאר זייער גוף. נעמליך זי האט פארשטאנען אז ווען זי וועט קליידן אירע קינדער אזוי ווי די מצרישע קינדער, לאזן זיי רעדן די מצרישע שפראך און געבן זיי מצרישע נעמען, דאן וועלן זיי זיך שפילן און חבר'ן מיט די מצרישע קינדער, און ווען זיי וועלן עלטער ווערן און דערשפירן אז זיי זענען אונטערדריקט פון די גוים ווייל זיי זענען אידן, וועלן זיי טאן אלעס וואס עס איז נאר מעגליך אז מען זאל אויף זיי נישט דערקענען אז זיי זענען פון אידישער אפשטאמונג.

אונזערע מאמעס די נשים צדקניות האבן פארשטאנען וואס די פאלגן דערפון קענען זיין, אז דער ערשטער דור וועט טאקע נאך זיין אידיש ביי זיך אין דער היים, אבער ער וועט זיין אפ-געקילט און וועט נישט האבן קיין ווידערשטאנדס קראפט קעגן דעם גלות, ממילא ווען זיי וועלן אונטערוואקסן און חתונה האבן וועלן די קינדער שוין זיין אידן נאר לויט'ן נאמען, אזוי ווי אונזערע נעאלאגן און רעפארמער. און דער דריטער אדער פערטער דור וועט זיך אינגאנצן אסימילירן.

אבער אזוי האבן זיי אויפגעטאן אז זייערע קינדער האבן זיך נישט געקענט חבר'ן מיט די מצריים. נאר אדרבה, „ויקוצו מפני בני ישראל" — די מצריים האבן זיך געעקלט און גע'מיאוס'ט פון די אידישע קינדער. דורכדעם האט זיך דאס אידישע פאלק געקענט דערהאלטן, און זיי האבן דעם אייביגן שכר, אז מיר זענען אין זייער זכות אויסגעלייזט געווארן.

טייערע אידישע קינדער! לאמיר נישט פארגעסן אז מיר זענען נאך אלץ אין גלות. מיר זענען שטארק אנגעוויזן יעדע רגע אויף די בארעמהערציגקייט פון השם יתברך, ער זאל אונז היטן און רעטן

הודפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
אמירה לבת יעקב ברגר, בנימין עמוד מס: 20 הודפס ע"י אוצר החכמה